### פון די דברי מוסר

### וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן ביים פארלערנען פרקי אבות פון

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### ביום שב"ק פ' קרח שנת תש"ע לפ"ק - בביהמ"ד הגדול אין קרית יואל יצ"ו

## געזונט פארן גוף און געזונט פאר די נשמה

**אונז** שטייי מיר דא יעצט אנהייב זומער, דער זומער האט זיך שוין אנגעהויבן, דער יצר הרע איז דא אום ווינטער, און כל שכן זומער, מען גייט ארויס פאר פרנסה, מען דרייט זיך אין די גאסן, יעדער ווייסט וויאזוי די גוי'אישע גאס זעהט אויס, מען מאכט מיט נסיונות מיט שמירת עינים.

**נו,** וואס מען גייט לצורך פרנסה, דאס מוז מען דאך, אבער מ'פארט אויך אויף וואקאציע, מ'פארט אהער, מ'פארט אהין, און מ'קומט ליידער אן אויך אויף נישט גוטע פלעצער.

**מ'האט** יעצט געלערנט די משנה (אבות פ"ד מכ"א) הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם, דאס איז נוגע א גאנץ יאר, זומער קומט עס אבער ארויס מיטן גאנצן רייץ, די היץ ברענגט ארויס די גאנצע תאוה, מ'ערלויבט זיך אויך צו עסן אסאך מער, אפילו מיט א הכשר דארף מען אויך שמירה, דער כח התאוה דאס איז מוציאין את "האדם" מן העולם, עס נעמט אוועק דאס גאנצע מענטשליכקייט.

**מ'גייט** אויף פארשידענע פלעצער, און מ'גייט נישט אליינס, מען נעמט מיט זיך די בני בית, דאס ווייב מיט די קינדער. און די קינדער זעהן דאס אלעס צו, וואו מען גייט אלץ און ווי אזוי מען פירט זיך אויף, וויפיל תאוה מען גיט זיך נאך, דארף מען וויסן די קינדער האלטן זיך קלוגער פונעם טאטן, זיי זאגן, אז דער טאטע מעג דאס, מעג איך דאך אסאך מער.

**מען** פארשטייט, א מענטש דארף אמאל פארן זיך אפרוען פארן בריאות הגוף, מהיכי תיתי, זאל מען פארן, אבער אז מ'פארט אויף וואקאציע איז דא די הבלי עולם הזה, ס'שיינט אזוי ארויס מיט'ן גאנצן גלאנץ, דארף מען זעהן עס זאל נישט שאטן פאר די נשמה, פארן אויף אן ערליכן מקום, מיט אן ערליכע סביבה, ווי עס איז דא געהעריגע שיעורי תורה, מען זאל זיך קובע זיין עתים לתורה, און אדרבה אז מען איז אויף וואקאציע קען מען נאך מער לערנען, מען האט דאך מער צייט, מ'פארט טאקע אויף בריאות הגוף, דארף מען אבער זעהן עס זאל זיין בריאות הגוף והנפש.

*

## חינוך אינדערהיים אזוי ווי אין סקול

**איך** האב געוואלט רעדן א ענין בנוגע חינוך הבנות פאר עלטערן פון עלטערע מיידלעך, ברוך ה' דא אין בית חינוך, לייגט מען אריין שטארקע כוחות אין עניני צניעות, מען איז מחנך צו צניעות און צו ערליכקייט.

**עס** זענען אבער דא עלטערן וואס זיי פארשטייען נישט דעם חומר הענין, זיי מיינען אז זיי פארשטייען בעסער, און אין די צייטן ווען מען איז נישט אין בית חינוך טוט מען אן די קינדער אנדערש ווי מען איז זיי מחנך אין סקול, און עס זעהט אויס ווי צוויי תורות ח"ו, איין תורה איז דא ווען מען איז אין בית חינוך, דעמאלטס טוט מען וואס מען פאדערט, מען גייט אנגעטוהן פרום און ערליך ווי עס דארף צו זיין, און איין תורה איז פרייטאג שבת זונטאג אדער אנדערע צייטן ווען עס איז נישט דא קיין סקול, דעמאלטס איז מען מחנך די קינדער אויף א אנדערע וועג ווי אין בית חינוך, דעמאלטס איז אנדערש דער לבוש, די קליידער זענען מער צוגעפוצט א.א.וו., ס'פאלט נישט ביי פאר די עלטערן, אז די קינדער זענען קלוגער, און פון אזא חינוך וועט זי פארשטיין אויך א דריטע תורה, אז דעמאלטס ווען זי וועט שוין אינגאנצן ארויסגיין פון זייערע הענט, וועט זי פארשטיין נאך בעסער, און זי וועט גיין אינגאנצן אנדערש, אזוינס וואס די עלטערן וואלטן זיך אפילו נישט גע'חלומ'ט דערויף.

*

## נאך א יאר אין בית חינוך איז א שמירה

**איך** וויל דא ארויסברענגען דעם ענין פון ארבעטן אין אפיסעס, א טאטע האט נישט קיין אהנונג וואס פאר א נסיונות א מיידל מאכט מיט אין א אפיס, עס איז טאקע דא אחריות'דיגע טאטעס וואס גייען זיך אומקוקן אויפן פלאץ, און ס'דאכט זיך אים אז עס איז א כשר מקום, אבער נאך אלעם איז עס נאך אלץ זייער ביטער.

**די** טעכניק איז היינט זייער פארגעשריטן, מען זיצט ביים קאמפיוטער, שוין נאך די אלע פילטערס איז עס נאך אלץ נישט ווי עס דארף צו זיין, מ'האט א שייכות מיט פרעמדע מענטשען, די שמועסן וכדומה, עס קומען אריין פרעמדע, צומאל נישט ערליכע, פראָסטאַקעס, אדער גוים, ס'איז דא אסאך וועגן וואס ברענגט קירוב לבבות, אפילו נאר אויפהייבן א טעלעפאן פון קאסטומערס, א גוי ווען ער רעדט, אומ'איידל איז נאך שיין געזאגט, מען דארף נישט צו זאגן, א גוי אז ער רעדט, איז יעדעס ווארט ווי א גוי, דער גוי טראכט ווי א גוי, רעדט ווי א גוי, פירט זיך ווי א גוי.

**אז** ס'איז דא א פראבלעם, שעמט זיך די טאכטער, און זי שעמט זיך צו פארציילן פארן טאטן וואס פאר א נסיונות זי גייט דורך, און זי איז אויך נישט אזוי נאנט מיט די מאמע אז זי זאל דאס פארציילן, אדער האט זי מורא צו פארציילן, ווייל זי וויל נישט פארלירן איר פאסטן.

**מיט** די צייט זעהט זיך אן א שינוי אויף די טאכטער אז זי ארבעט אין א פלאץ וואס טויגט נישט, די גאנצע ארבייט וואס מען לייגט אריין די אלע יארן אין בית חינוך גייט ח"ו לטמיון, עס דערקענט זיך אויפן לבוש, א שינוי אין די הלבשה, א שינוי אין די התנהגות און אין אנדערע ענינים, און מ'ווייסט נישט וואס דאס מיינט.

דער מדרש זאגט (במדב"ר פי"א ס"ה) יברכך ה', בבנים, וישמרך, בבנות. די אינגלעך דארפן א ברכה און די טעכטער דארפן א שמירה, מען דארף האבן א ספעציעלע שמירה אויף די טעכטער אז זיי זאלן נישט האבן קיין ירידה.

**וויל** איך דא ארויסברענגען לשבח די בית רחל, וואס טוען א געוואלדיגע ענין אז מען קען האלטן די קינדער נאך א יאר אין די צוועלפטע קלאס, און איך וויל בעטן די עלטערן אכטונג צו געבן מיט א שמירה מעולה, א געוואלדיגע זאך וואלט געווען ווי ווייט מעגליך צו האלטן די טעכטער נאך א יאר צווישן די ווענט פין בית חינוך, הכל ריווח, א יאר מאכט זייער אסאך אויס.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן עס זאל מקויים ווערן די ברכה יברכך ה' בבנים וישמרך בבנות, מ'זאל מיר האבן א געזונטן זומער, והשי"ת ישמור צאתינו ובואינו מיט אלעם גוטן, אונז שטיי מיר אין חודש תמוז, זאל השי"ת העלפן אז הימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה, במהרה בימינו אמן.

נו"נ ע"י ועד להוצאת ספרי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א